פרשת חקת
תש"פ

גליון

# מתיקין ודובשין

חידושים וביאורים בפרד"ס התורה, ופרפראות לחכמה,
ממורינו הגאון האדיר
רבי **ישראל יצחק מנדלזון** שליט"א
גאב"ד קוממיות ירושלים

גליון כד

## דבשה של תורה סוגיות בפרשת השבוע

בתורת כהנים, בספרא, פרשת שמיני פרשא י"א אות קמ"ז, עה"פ ונוגע בנבלתם יטמא, (ויקרא י"א ל"ו), הלל אומר, אפילו הם בתוך המים, שהייתי אומר הואיל ובארץ מעלה את הטמאים מטומאתן והמקוה מעלה את הטמאים מטומאתן, מה הארץ מצלת את הטהורים מלהיטמא אף המקוה יציל את הטהורים מליטמא ת"ל ונוגע בנבלתם יטמא אפילו הם בתוך המים. ומבאר המלבי"ם בספרו בהתורה והמצוה, שהיות וכבר כתוב כל הנוגע בהם יטמא, אומר הלל שהלימוד מונוגע בנבלתם יטמא הנוסף שאפילו הנגיעה בתוך המעין או המקוה ג"כ נטמא, ולא נידון כארץ שבאופן שנגרע מאכל טמא בארץ ונשרש, נטהר, וכן הארץ מציל טהורים מטומאה שהמחובר לקרקע [לארץ] טהור.הרי אפילו בתוך המים שאמנם מטהרים מטומאה בכ"ז אינם כ׳מים מצילים מליטמא להנוגע בטומאה שבתוך המים, ע"ש.

ובתוספתא מכשירין פרק ב׳ הלכה ב׳, איתא בהמשך שם הנוגע בנבילה בתוך המקוה טמא, וטהור בעלייתו, הנוגע במשכב ומושב בית המקוה טמא, וטהור בעלייתו, זב שדרס על גבי משכב ומושב בתוך המקוה טמא וטהור בעליתו, [ובהמשך שם איירי בענין שונה, בגדרי מחשבה וכוונה, לעניני טהרה והכשרה ע"ש,]

ובמצפה שמואל על התוספתא שם מציין לתחילת פ"ב במסכת תענית בע׳ טובל ושרץ בידו ושם איירי במצוות התשובה כראוי.

וע"ג מס׳ נדרים דף ע"ה-ע"ו שקו"ט בלימודים מעניני טהרות מקואות מעיינות וקרקעות וזרעים והשרשות ובהקשרים לטהרות ומניעות טומאה, בהתאמות להפרות התרות ומניעות נדרים, ועיין שם בדברי הראשונים וביאוריהן ועיין קרן אורה שם וחזון יחזקאל על התוספתא נדרים שם, וכמובן לעיין בירושלמי נדרים פרק י׳ בענינים אלו, ע"ש כל הענין.

וברמב"ם הלכה אבות הט׳ פ"ו הט"ז, איתא הנוגע באב מאבות הטומאה המושלח בתוך המקוה כגון נבילה או שרף או משכב שהוא במקוה ונגע בו הרי זה טמא שנאמר אך מעין ובור מקוה מים יהיה טהור ונוגע בנבלתם יטמא, אפילו כשהן בתוך המקוה מטמאין וכשיעלה מן המקוה זה הנוגע יטהר, ע"ש, וכן בהמשך ברמב"ם שם בענין זב שדרס על המשכב בתוך המקוה, המשכב טמא, וכשיעלה המשכב מהמקוה יטהר, לאחר ובהמשך להבאת מקור להדברים שברמב"ם שם וביאורים ובהביאו התורת כהנים, וספרא והתוספתא במכשירין.

ואומר הכסף משנה שם, ונראה מתוך דבריהם, שהטעם, מפני שאין הטמא נטהר אלא בעלייתו מהמקוה, לא בעודו בתוך המקוה ע"ש, והנה בהקשר לדברים אלו שבכסמ"ש איתא רבות ברבוותא בביאור הדברים כיד השם הטובה, גם בהבנת והבהרת יסוד גדר ועצם הדברים וגם בהבאת ראיות להדברים, ועוד, וכן בבירורים באם הכוונה בכסמ"ש שכל טמא הטובל נטהר רק בעלייתו או רק בנטמא בתוך המקוה, עין בדבריהם המאירים, וכן מהמשמעיות שבדבריהם.

ובאור שמח לרמב"ם להל׳ מטמאי משכב ומושב פי"ב הל׳ כ"ב, שקו"ט בדברים המחודשים שבכסמ"ש הנ"ל, ומבאר באור שמח שם דהדברים ברמב"ם הל׳ אסורי ביאה פי"ג הי"א בהקשר לטבילת עבדים לשם עבודת משמעותם דהטהרה מושלמת בעלייתם מהמקוה ע"ש, בהקשר לפעולת השתעבדות האדון גם בזמן עליית העבד מהמקוה, ע"ש, ומבאר באו"ש שם דהדברים ברמב"ם אלו מורים כדברים בכסמ"ש בע׳ שלימות הטהרה בעליה, וממשיך באו"ש שם דכן גם המשמעות בגמ׳ יבמות דף מ"ו בענ"ז דטבילת עבדות ע"ש.

וכן שקו"ט באור שמח שם, בהקשר לתוס׳ שבת דף ל"ה בע׳ בין השמשמות וזמנו בענין עליה מטבילה, כבלשון שבהקשר לזמן שבין השמשות, וענ"ז שבתוס׳ בע׳ טבילה כסימן לבהש"מ בהקשר לדברים שבכסמ"ש בע׳ עלית שלימות הטהרה איתא גם באופן דומה. ובהסכמת הגאון מרוגצו"ב (בעל הצפנת פענח) לספר פסקי תשובה ח"ב (מהגר"א פיוטרקובסקי זצ"ל) וכן איתא שם ראי׳ לכסמ"ש מתוספתא פרה אדומה בר"ש פרה פ"ח מ"ז, שהמשמעות דלאחר שיצא נטהר למפרע ,עשכה"ע, וכן מציין שם בהסכמה הנ"ל לעיין בר"ן ורש"י נדרים ע"ה-ע"ו, ובספר שערי דעיה סי׳ ר"ד, ובהצאוה קודמת מהד"ק סי׳ ע"ט, שקו"ט בדברי כסמ"ש ג"כ בהקשר לגמ׳ נדרים שם ובר"ן שם, ואציין דשם בנדרים הסוגיא בשקו"ט בע׳ התאמה בין הפרת נדרים לטבילת טהרה ע"ש, ובשו"ת שערי דעיה שם ג"כ מביא ראי׳ לכסמ"ש מגמ׳ יבמות דף מ"ו ע"א בע׳ טבילה וכנ"ל, עשו"ש.

ועיין אבנ"ז חו"מ סימן ע"ב שקו"ט בדברים שבכס"מ הנ"ל בע׳ טבילה בעליתו מהמקוה, וכמו"כ איתא שם מדברי הגה"ק מאוסטרובצא זיע"א, וכמו"כ שם באבנ"ז שקו"ט גם בהא שהבאנו לעיל מרבוותא מגמ׳ שבת ל"ה בתוס׳ שם בהקשר לזמן בין השמשות בע׳ עליה ממים דאיירי שם, ע"ש, וכן שקו"ט באבנ"ז שם בסוגית הגמ׳ והר"ן בנדרים שם בע׳ הפרה וטבילה שג"כ עיין לעיל, וע"ג בהגה"ה שבאבנ"ז שם בהקשר לדברים באבנ"ז לגבי גמ׳ ביצה דף י"ח בע׳ טבילה בבגדים בעניני טהרה עש"וש, ובהמשך נביא באבנ"ז שם בעו"ע.

המשך המערכה בשבוע הבא בעז"ה (חקת בחו"ל)

## שיחה ממורינו הרב שליט"א

## עם כ"ק האדמו"ר מהר"א מסאטמאר שליט"א

## בביתו בקרית יואל - יום ה' ויקהל פקודי תשע"ה לפ"ק - חלק א,

### האדמו"ר מסאטמאר קדמו במאור פנים ודרש בשלומו וכיבדו לשבת, נכחו שם כמה מתושבי ק"ק קרית יואל מיוצאי קוממיות, וכן עסקנים חשובים למען שומרי השביעית בארה"ק.

**מורינו שליט"א**: ווען איך קום דא, קומען זיי מיט.

**האדמו"ר מסאטמאר**: אינדערהיים איז געווען דער העלינטשער רב, ס'איז א שטעטל אין מארמאראש, ווען ער איז ארום געפארן און בעלי בתים זענען אויך ארום געפארן מיט עם האט ער געזאגט 'וואו איך פאר טרעף איך מיינע בעלי בתים...'.

**מורינו שליט"א**: פותחין בכבוד אסכניא, גייענדיג אהער, האב איך געטראכט אזוי, צי די קשיא איז שווער צי נישט ווייס איך נישט, אבער די תירוץ האף איך אז ס'איז א גוטע, מדארף עס בודק זיין צי ס'איז בדרך דרוש, צי הלכה, אדער לומדות, אין שלחן ערוך אבן העזר אין סי' ס"ב שטייט דען ערגעץ אז מ'דארף מאכן א שבע ברכות?, נאר אז ס'איז דא צעהן מענטשן, און ס'איז דא פנים חדשות זאגט מען, אבער וואס זאל מען טוהן אז כלל ישראל איז אזוי מקפיד אויף דעם, וואס איז די טעם.

**האדמו"ר מסאטמאר**: די וועלט זאגט א ווערטל אויף די משנה (ביצה דף ב ע"א) ביצה שנולדה ביום טוב בית שמאי אומרים לא תאכל, ובית הלל אומרים תאכל, פרעגט די גמרא מאי טעמא דבית שמא, פארוואס פרעגט נישט די גמרא מאי טעמא דבית הלל, נאר ווייל בית הלל זאגן תאכל, פרעגט מען נישט מאי טעמא, אז דו ווערסט עסן ווערסטו שוין וויסן... אבער אויף בית שמאי פרעגט מען מאי טעמא.

איך פרעגט פארוואס מאכט מען שבע ברכות...

**מורינו שליט"א**: די וועלט זאגט א ווערטל פארוואס ביים בענטשן דארף זיין זיבן (שבעה אוכלי פת לצורך זימון בעשרה, ואילו לגבי מנין סגי בששה מתפללים), נאר די תירוץ איז, זאל נאך א איד מיט עסן...

**האדמו"ר מסאטמאר**: דער ראפשיצער רב זאגט עס, 'וואס ארט אייך אז נאך א איד עסט מיט'.

**מורינו שליט"א**: כ'האב געמיינט אז ס'איז א וועלט'ס ווערטל.

**האדמו"ר מסאטמאר**: ניין ניין, ס'איז פונעם ראפשיצער רב.

**מורינו שליט"א**: 'יחיד בדורו בחכמת אלוקית' (מהנוסח שחרות על מצבת ציונו הק' על פי צוואתו).

**האדמו"ר מסאטמאר**: דער ראפשיצער רב האט געזאגט 'ווען איך וואלט געווען דער וואס פירט די וועלט, וואלט איך ווען געוואוסט ווי אזוי צו פירן די וועלט', האט מען אים געפרעגט 'נו, וואס וואלט ער געטוהן?', האט ער געזאגט 'פונקט ווי דער ריבונו של עולם'.

**מורינו שליט"א חזר לענין ראשון**: כ'האב געאראכט א שטיקל מהלך, די גמרא זאגט אין שבועות אין דף י"ד, ווי אזוי איז מען מקדש דעם מקום המקדש, בנביא בכהן באורים ותומים בתודה...

**האדמו"ר מסאטמאר**: יא, די גמרא רעכנט דארט אויס אז ס'איז געווען א גאנצע עסק.

**מורינו שליט"א**: און די גמרא אין ערכין זאגט אז דאס זעלבע איז ביי די בתי ערי חומה, האב איך געטראכט אזוי בדרך רמז, בתי ערי חומה, אז מ'בויעט נייע אידישע שטובער, דארף מען עס דאך מקדש זיין, ווי אזוי איז מען מקדש א מקום המקדש בתודה ובזמרה, דאס איז די שבע ברכות וואס מ'מאכט.

און כ'האב צוגעשטעלט נאך א רמז, תוס' (בדף ט"ו. ד"ה אין עזרה מתקדשת) פרעגט דאך די קשיא, ווי אזוי האט מען געקענט ברענגען די מנחה, ס'איז דאך א במה, איז ווי אזוי קען מען ברענגען, איז די תירוץ אז אין באים כאחד, ס'ווערט א מזבח מיט באים כאחד, [וז"ל התוס: ויש לומר כיון שהכל בא בבת אחת הקידוש ועשיית מנחה לא חשבינן מנחה בבמה ובקמיצה ובהקטרה היתה מקומה מתקדש וכל העבודה היתה מחנכתה ומתקדש מקומה].

**האדמו"ר מסאטמאר**: 'באים כאחד' נעמט אריין זייער אסאך זאכן, למשל 'גיטה וידה באים כאחד (גיטין ע"ז:)'.

דער רשב"א (מנחות דף ה. בד"ה מן המותר לישראל וכו') זאגט אויך די זעלבע זאך לגבי די עומר, ווי אזוי קען מען ברענגען, נאר ס'איז באים כאחד.

**מורינו שליט"א**: און דער אבני נזר אין סי' כ"ב רעדט ווען זאגט מען באים כאחד און ווען נישט, ער איז מחלק בחילוקים דקים.

האב איך געטראכט אזוי, ס'איז דאך דא דער חתם סופר וואס פרעגט וואס איז די כוונה פון עוד ישמע וגו' 'ובחוצות ירושלים', פארוואס נישט בבתי ירושלים, זאגט ער אז אין בתי ירושלים איז מען געווען עסוק אין אכילת קדשים קלים, ס' איז דאך א מצוה, און העוסק במצוה פטור מן המצוה, נאר 'בחוצות' וואס גגין ועליות לא נתקדשו (פסחים פ"ה:), האב איך מיט דעם געטייטשט קול אומרים הודו את ה' צבאות, פארוואס גאזט מען 'בחוצות', ווייל כזיתא דפסחא והלילא פקע איגרא (שם).

די אלע לומדות וואלט איך געזאגט ביז אפאר וואכן צוריק, אבער אפאר וואכן צוריק בין איך געוואויר געווארן א נייע טעם אויף א מסיבת שבע ברכות...

**האדמו"ר מסאטמאר**: [בצחות מ'האט אייך געלאדנט ערגעץ צי א שבע ברכות...

**מורינו שליט"א**: הלוואי וואלט מען מיך געלאדנט צו די שבע ברכות וואס איך מיין אז דער רבי לאזט ער איבער א קשיא, און די בחורים שיקן אריין פופציג-זיבעציג תשובות אויף די קשיא, און שפעטער מאכט מען נאך פאר זיי א שבע ברכות, און די בחורים זאגן איבער די פשעטליך, און בתוך עמי אנכי יושבת, ווען כ'האב דאס געהערט, האב איך געטראכט אז צוליב דעם אליין איז געוונג א טעם אויף א שבע ברכות.

**האדמו"ר מסאטמאר**: קודש אבריך הוא חדי בפלפולא דאורייתא (מגיד משרים פ' ויקהל) ממילא ווערט א שמחה אין די עולמות העליונים, און עליונים ששו ותחתונים עלזו.

**מורינו שליט"א**: כ'האב אביסל מיטגעהאלטן פונעם ריטב"א ביזן פני יהושע און דער מרחשת (הכוונה על מה שתירצו הבחורים).

**האדמו"ר מסאטמאר**: ס'איז גוט, בחורים זענען זיך מייגע אין תורה.

**מורינו שליט"א**: זיי האבן זיך מחיה געווען, ס'גיט א חשקת התורה, אוודאי.

**האדמו"ר מסאטמאר**: ס'איז דא א אינטערסאנטער מדרש - א מדרש תלפיות (שחיברו בעל השבט מוסר - ובו ליקט וקיבץ מדרשי חז"ל מכל הספרים), אז ביים חורבן ירושלים האט דער ווינט צובלאזן די שטויב אויף די גאנצע וועלט, וואו ס'איז געפאלן זאמד פון בית המקדש, דארט בויעט זיך אויף א בית המדרש.

כ'האב אמאל געזאגט פארוואס עתידין בתי כנסיות ובתי מדרשות שבבל שיקבעו בארץ ישראל (מגילה כ"ט.) ווייל עס קומט טאקע ארויס פון דארט, זרוק חוטרא אוריא אעיקרא קאי (מובא במדרש ב"ר פנ"ג פט"ו) ס'גייט צוריק צום שורש.

דוד המלך זאגט (תהלים קכ"ב א') שמחתי באומרים לי בית ה' נלך, עומדות היו רגלינו בשעריך ירושלים, ווייל ס'קומט דאך פון ירושלים.

**מורינו שליט"א**: ס'פאלט מיר יעצט ביי, ס'שטייט אין תרגום יונתן אויפן פסוק וילך משה, ואזל ביה כנישתא, ווייל ער האט באקומען די ידיעה אז ער קען נישט אריינגיין אין ארץ ישראל, איז ער געגאנגען אין די בתי כנסיות דארט איז דאך אוודאי די בחינה פון ארץ ישראל.

(המשך יבוא)

יו"ל ע"י וועד להוצאות כתבי מורינו הרב שליט"א שע"י מכון שיח אבירים להערות והארות נא לפנות לדוא"ל machonsiachabirim@gmail.com

עימוד: a0548466856@gmail.com | 054-846-6856